# די מרשעת

**א פראנצויזישע אײנוואוינערין פײניגט דעם חסיד'ישן ציבור אין מאנטרעאל, אבער רוח הקודש אומרת "כן ירבה וכן יפרוץ", א דאנק דעם געמײנזאמען אחדות בײם חרד'ישן ציבור און דעם פאראײניגטן כּח בײ די העכסטע רעגירונג אינסטאנצן. יצחק אײזיק שניטצלער ברענגט אַ גרוס פון דער חרד'ישער מאָנטרעאַל**

**יצחק אײזיק שניטצלער**

זײער א שטילע שטאט, מאנטרעאל. דאָס באַקאנטע אײראפּעאישע געדולד, פּאמעליכע טראפיק, גרינס און בײמער בײ יעדן הויז, און בכלל די אטמאספערע איז אזוי נישט-רוישיג, אזש עס שפּירט זיך דרײ טויזנט מײל װײט פו' ניו יארק אפילו די הויפּטשטאט פון פראנצויזיש-געשטימטן פּראווינץ קוויבעק איז פּאקטיש נאר 300 מײל פון וואשינגטאן בריק.

דער חסיד'ישער קרײז אין מאנטרעאל איז קלײן אין ציפערן אבער גרויס אין קוואליטעט, אין ברודערשאפט און אחדות. א גאַסט אויף א װײל באמערקט גאנץ שנעל די אַוי-נישט אמעריקאניזאציע בײ חרד'ישע אידן, וואס שפּיגלט זיך אפּ אין אלע הינזיכטן פון לעבן, ברוחניות וגשמיות, דאס געדולדיגער דאווענען און קביעות עתים, די ווארימע אויפנאמע פאַר יעדן גאסט, דאס פרײנדליכע צוזאמענלעבן צווישן גאנצן חרד'ישן ציבור, די פארבליבענע עקזיסטענץ פון "אמאליגקײט" – מען איז מער אפּגעזונדערט פון דער גוי'שער גאס, מען לויפט נישט נאך קײן מאדעס, דאס שענסטע דערקוויקונג איז פארברענגען אינדערהײם, יעדע שמחה איז א פרײליכער מאמענט פאר דער גאנצער שטאט, און די צײט לויפט נישט אזוי שנעל.

שפּאצירנדיג אויף די צענטראלע חסיד'ישע גאסן אין מאנטרעאל, אינדערוואכן אדער אום שבת קודש, דערמאנט זיך פון דער "אלטער היים" אין איר פולער פּראכט. די סצענעס דערוועקן אײראפּע פון אמאל.

עס מאכן זיך אויסנאמען, זעלבסטפארשטענדליך. אײן אזא אויסנאם איז די פײנטליכע רדיפות פון א לאקאלער גוי'ע, אויפ'ן זעלבן שטײגער ווי אמאל א פּריצ'טע אין אײראפּע, אדער אפילו ווי א פּאר'עקשנ'טע אמעריקאנער שכנ'טע, וועלכע נעמט די לאקאלע "זאונינג" געזעצן צו באקעמפן דעם וואוקס פון ארטאדאקסישן אידנטום אין איר געגנט.

בײ מאנטרעאלער אידן איז דער נאמען "סעלין פארזשעט", גוט און טרויעריג באקאנט. אויך בײ אירע אלגעמײנע שכנים האט זי א רעפּוטאציע פון אלץ טרעפן וואס צו פארפירן, א "טראבל מעיקער" ווי מ'רופט עס אויף מאמע לשון. א שטיק צײט איז די 45 יעריגע פרוי דערוויילט געווארן אלס קאונסלער אין לאקאלן "סיטי האל", ווײל ביז דעמאלט האבן דערווײלטע באאמטע זיך נישט צופיל געקימערט אויף אירע כלומר'שטע טענות, דעריבער האט זי

# פון מאנטרעאל



באשלאסן זעלבסט אריינצוגיין אין פאליטיק, און אזוי ארום ווערן די איינציגסטע פאליטישאן אין מאנטרעאל זיך צו מאכן וויסנדי: פון אירע שטענדיגע פראבלעמען...

יעדע קאמפליקאציע וואו מאנטרעאל'ס חסיד'ישער ציבור האט זיך אנגעקלאפט די לעצטע אַכט יאר – דערציילט מר"ה יושע ווערצבערגער הי"ו, גרינדער און פרעזידענט פון "קאהא", קאאליציע פון חסיד'ישע קהלות אין אוטראמאנט, די צענטראלע ארגאניזאציע פון חרד'ישן אידנטום אין מאנטרעאל – האט זי אנגעווירטשאפט אדער געשפילט א גרויסע האנט דערין.

פון יעדער שלעכטער זאך קומט אלץ ארויס עפעס גוטס, באטאנט ר' יושע, וועלכע איז פון פאַך-אויס א ריעל עסטעיט דעוועלאפער. די פראבלעמען וואס פארזשעט האט אנגעווירטשאפט, האט פאר יעדן איבערצייגט די וויכטיגקייט פון גרינדן א פארמאלע אגענטור, צו פארטרעטן דעם חסיד'ישן ציבור ביי די רעגירונג קרייזן, פון די לאקאלע באאמטע אין מאנטרעאל ביז די העכסטע פראווינץ פירער און די פעדעראלע באאמטע פון קאנאדא. אזוי ארום איז צושטאנד געקומען "קאהא", וואו עס זענען פארטרעטן די קהלות און מוסדות התורה פון אלע חרד'ישע שיכטן און קרייזן, מיט איין אויטאריזירטע שטימע צו די אפיציעלע אויערן.

## עשיו שונא ל'וויזניץ

צווישן די גרויסע פראבלעמען וואס די גוי'ע האט אנגעמאכט, שטארצט אמערסטנס ארויס די באקאנטע געשיכטע מיט'ן וויזניצער בית המדרש אין מאנטרעאל, וואס גייט שוין איצט אין גלות צום דריטן מאל וועגן פארזשעט'ס רדיפות. זי האט אויך לאנגע יארן פרובירט צו סאבאטאזשירן דעם מאנטרעאלן "עירוב", אָן דערפאלג. די חסיד'ישע באס-טראנספארטאציע צווישן ניו יארק און מאנטרעאל איז איר אויך א גרויסער שטער. בס"ד איז דער מצב שוין היפש פארלייכטערט, אבער אירע פינגער-אפדרוקן וועלן נישט אזוי גיך אפגעמעקט ווערן.

צו די איבעריגע אינצידענטן וועלן מיר באלד צוריקקומען, אבער די רדיפות קעגן דער וויזניצער קהילה איז דערווייל איר גרעסטע פריאריטעט.

וויזניצער ביהמ"ד אין מאנטרעאל איז נתייסד געווארן ארום דרייסיג יאר צוריק, דורך דער קליינער אבער וואקסנדער צאל חסידי ותלמידי וויזניץ אין מאנטרעאל. מיט'ן וואוקס פון חרד'ישן ציבור אין שטאט קע"ה, איז דאָס געדרענג אויך געוואקסן אין וויזניצער ביהמ"ד, און די קהילה האט אפגעקויפט א גרויסע קאמערציעלע געביידע פון זעקס שטאק, מיט'ן פלאן צו רענאווירן די געביידע פאר א גרויס ליכטיג רחבות'דיגן בית המדרש. פאקטיש האט זיך דער פלאן נישט אויסגעארבעט, און ארום פופצן יאר צוריק האט די וויזניצער קהילה אפגעדונגען דעם ערשטן שטאק פון א גרויסן הויז ביים ווינקל פון דוראשעי און לאזשואא, קעגן דער סקווירער מיידל-שולע, אין הארץ פון דער חסיד'ישער געגנט.

דאָס הויז (זע בילד) באשטייט פון דריי שטאקן אפארטמענטס, אבער דער אונטערשטער שטאק איז אויסגעלייגט ווי א קאמערציעלע אויסזען. לאנג בעפאר וויזניץ

# די מרשעת פון מאנטרעאל



**די מרשעת האט ארויסגעווארפן די וויזניצער קהילה פון דער ווייסער געביידע, קעגן דער סקווירער מיידל-שולע**



**די צייטווייליגע געביידע וואס דינט אלס בית מקדש מעט פאר דער וויזניצער קהילה**

האט עס אפגעדונגען, איז דארט געווען א געשעפט, און וויזניצער עסקנים האבן איבערגעגעבן פאר די באטרעפנדע אינסטאנצן אז מ'וועט דארט ווייטער פארזעצן מיט שטילע קאמערציעלע אקטיוויטעטן.

די וויזניצער קהילה אין מאנטרעאל האט לאנגע יארן גענוצט דעם ביהמ"ד אויפ'ן שענסטן פארנעם, לתורה ולתפילה, ביז... ביז פארזשעט איז אנגעקומען אויסטיילן צרות. זי האט געדונגען אַן אפארטמענט אינ'ם בנין, און זיך דערמיט גענומען רעכט פייניגן די עקזיסטענץ פון ביהמ"ד אלס "איינוואוינער אין דער געביידע".

דריי לאקאלע אדמיניסטראציעס האבן דערלויבט די פולקאמע פונקציע פונ'ם בית המדרש, נישט וועלנדיג טשעפן דעם חסיד'ישן ציבור. דאס האט זי נישט געקענט דערלויבן, און האט אנגעהויבן פארפירן ביי די רעגירונג אינסטאנצן היתכן זיי לאזן צו וויזניצער ביהמ"ד אין א רעזידענץ געביידע.

יענער בלאק, צוגלייך מיט'ן גרעסטן טייל פון חסיד'ישע גאסן, געפינען זיך אונטער דער לאקאלער מוניציפאליטעט "אוטרא-מאנט", וואס איז א טייל פון מאנטרעאל. ביז פאר אַ יאר, האט אוטרא-מאנט געפירט א זעלבסטשטענדיגע לאקאלע ווירטשאפט, אבער דאס איז שפעטער געטוישט געווארן צו א סיסטעם פון איין צענטראלער סיטי-רעגירונג אויף גאנץ מאנטרעאל (באקאנט אלס "איין אינזל איין סיטי"), כאטש די געגנט פון אונזער טעמע הייסט נאך אלץ אוטראמאנט.

פארזשעט האט זיך געוואנדן צום אוטראמאנט סיטי האל, און באַקלאָגט אז דאָס ביהמ"ד איז קעגן די לאקאלע זאונינג געזעצן. די לאקאלע באאמטע האבן איר נישט אויסגעהערט, און געלאזט דאָס ביהמ"ד ווייטער פוקציאנירן. דער מעיאר פון אוטראמאנט איז דעמאלט געווען דזשעראום שאקעט, און ער האט נישט אויסגעהערט פארזשעט'ס טענות. נאך שאקעט איז אריינגעקומען מעיאר פאמינוויל, וועלכער האט אויך נישט געוואלט טשעפענען דאָס וויזניצער ביהמ"ד.

ווען דזשעראום אונטערבערג, פון אידישן אפשטאם, איז געווארן אוטראמאנט מעיאר, האט פארזשעט נאכאמאל גענומען פארפירן אין סיטי האל, און אנגעהויבן באאיינפלוסן די לאקאלע באאמטע צו נעמען שריט קעגן דעם ביהמ"ד. חרד'ישע עסקנים, אנגעפירט דורך "קאהא", האבן זיך דעמאלט געוואנדן צום אומפארגעסליכן געטרייען קאונסילמאן, סידני פייפער, ער זאל ראטעווען דעם מצב. פייפער, א ווארימער שומתומ"צ פון אשכנז'ישן אפשטאם, ווערט באצייכנט דורך מאנטרעאלער אידן אלס לעגענדאריש. זיין פאטער איז געווען א פריוואטער אקאונטענט און דערנאך א הויכראנגיגער ריכטער אין דייטשלאנד בעפאר דער צווייטער וועלט מלחמה. פייפער, מיט'ן אידישן נאמען שלמה חיים, איז געווען אין סיטי קאונסיל צען יאר, נאר א דאנק דער העפטיגער וואל-שטיצע פון חרד'ישן אידנטום.

פייפער האט דאן גענומען דעם בעסטן וועג, געספאנסערט אין סיטי קאונסיל א ביל צו טוישן די זאונינג פון ביהמ"ד (לעגאל גערופן "ספאט זאונינג"), וואס איז דורך מיט א גרויסער מערהייט, און דער קריזיס איז דורך בשלום.

פארזשעט האט נישט געוואלט פארגעסן. זי האט ארגאניזירט א גרופע פון שכנים צו פראטעסטירן דעם נייעם זאונינג געזעץ, און פאר יעדן פרייז געוואלט פארטרייבן דעם וויזניצער ביהמ"ד פון איר אפארטמענט געביידע.

לויט'ן מאנטרעאלן געזעץ, איז מעגליך אפצושלאגן א לאקאלן געזעץ דורך א רעפערענדום. פארזשעט האט זיך ארויפגעכאפט אויף דעם געזעץ, און אויפגעקליבן פעטיציעס דורכצופירן א רעפערענדום אויפ'ן לעגאליטעט פון וויזניצער ביהמ"ד. דער רעפערענדום וואלט געווען א גרויסע פראבלעם, ווייל ווייניג חסיד'ישע אידן וואוינען אין די ספעציפישע בלאקן וואו נאר יענע איינוואוינער קענען שטימען אויף דעם רעפערענדום. בס"ד איז דעמאלט געלונגען דורך אומערמידליכע שתדלנות צו ערלעדיגן אז דער רעפערענדום זאל נישט צושטאנד קומען.

ווען אלע באמיאונגען האבן נישט געברענגט די רעזולטאטן וואס פארזשעט האט געוואלט, האט זי באשלאסן צו נעמען דעם געזעץ אין די אייגענע הענט... זי איז געלאפן אלס קאנדידאט צום סיטי קאונסיל, אויף דער פלאטפארמע צו באגרעניצן דעם וואוקס פון ארטאדאקסישע אידן. עס איז איר געלונגען צו שאפן גענוג שטימען ביי די לאקאלע איינוואוינער, און זי איז דערוויילט געווארן צום סיטי קאונסיל. אלס סיטי קאונסיל מיטגליד האט זי שוין געהאט מער לעגאלע קראפט, און געגאנגען אין געריכט קעגן אוטראמאנט סיטי פאר דערלויבן דעם באנוץ פון וויזניצער ביהמ"ד.

דאָס לעגאלע געראנגל האט זיך געשלעפט פון געריכט ביז געריכט, ביז ס'איז אנגעקומען פיר יאר צוריק צום "סופעריאר קאורט – דיסטריקט אוו מאנטרעאל", אזא הויכע ראנג ווי "ניו יארק סטעיט סופרים קאורט – קוארט אוו אפיעלס" אין ניו יארק. דאָס סופעריאר קאורט האט געאורטיילט אז דאָס וויזניצער בית המדרש איז אומלעגאל, און דארף ווערן צוגעשפארט.

דער אורטייל האט שאקירט דעם



ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ: די נייע געביידע, וואו וויזניצ'ער קהילה גייט בויען א שפאגל נייע ביהמ"ד



דאס גרויסע סאטמארער ביהמ"ד, וואס גייט בס"ד ווערן פארברייטערט צו דער לינקער זייט, וואו עס איז יעצט די דארמיטארי פון ישיבת "תורת משה" ד'סאטמאר

חסיד'ישן ציבור אין מאנטרעאל, אבער ס'איז געווען א טרויעריגע רעאליטעט וואס מ'קען נישט טוישן. די וויזניצער קהילה האט געדארפט טרעפן א נייע קווארטיר, א נייע מקדש מעט.

דאָס געריכט האט געגעבן א קורצע צייט צו טרעפן א נייעם אדרעס, און די קהילה האט באלד געטראפן א פאסיג ארט אויף צייטוויליג, וואו עס געפינט זיך דאָס ביהמ"ד ביים היינטיגן טאג (זע בילד). אין דער זעלבער צייט האט די קהילה אונטערגענומען א ריזיגן פראיעקט צו בויען א פראכטפולע נייע גרויסע בית המדרש לתורה ולתפילה, און איינמאל פאר אלעמאל לעזן די לעגאלע שטרויכלונגען, און אויסברייטערן די קהילה לשם ולתפארת.

מיט גרויס סייעתא דשמיא האט די וויזניצער קהילה אפגעקויפט א גרויסע געביידע אויף ווען הארען עוועניו (זע בילד). די לאקאלע אינסטאנצן האבן באלד געטוישט "זאונינג", כדי דער בנין זאל קענען רענאווירט ווערן פאר א גרויסן בית המדרש, און באלד דערנאך האט זיך אנגעהויבן די מאסיווע בוי ארבעט אהערצושטעלן א הערליך, גרויס ביהמ"ד.

אבער נאכאמאל האט פארזשעט נישט געוואלט פארגעסן. פאר אַ יאר האט זי אריינגעגעבן א פרישע קלאגע אין געריכט, פארוואס די סיטי האט געטוישט די זאונינג פון דער נייער געביידע. זי האט טאטאל פארלוירן דאָס געראנגל ב"ה. זי האט דערמיט איבערצייגט דעם גאנצן חסיד'ישן ציבור – אפילו די וועלכע האבן נאך געצווייפלט ביים אלטן ביהמ"ד (יענער פלאץ שטייט נאך אלץ ליידיג) – אז אירע קלאגעס און רדיפות שטאמען פון פינסטערער שנאה, אָן קיין שום באזיס. אויב האט נאך עמיצער געקלערט אז אירע פריערדיגע קלאגעס זענען געקומען מיט רעכט, אלס "באזארגטע איינוואוינעריך" אין דער זעלבער געביידע, פארוואס קלאגט זי איצט דעם נייעם וויזניצער ביהמ"ד וואס איז נישטאמאל אויף איר גאס? אבער זי האט פארלוירן, טא וואס איז שייך צו פרעגן.

ורוח הקודש אומרת, כן ירבה וכן יפרוץ.

## דער נצחון ביים עירוב

מאנטרעאל, ווי פיל אידישע שטעט איבער דער גאנצער וועלט, פארמאגט אַן "עירוב" וואס ווערט באנוצט דורך חסיד'ישע קרייזן. אבער די גרעסטע קהלות אין מאנטרעאל האבן נישט מקבל געווען דעם עירוב, און האלטן זיך אפ פון זיין באנוץ אום שבת קודש.

דער הלכה'דיגער וויכוח צי אסור אדער מותר איז א באקאנטער שמועס ביים היימישן ציבור, אבער דאס איז זיכער אז די מרשעת פארזשעט פייניגט נישט דעם עירוב צוליב הלכה'דיגע מאטיוון, נאר ווייל עס קרענקט איר דעם וואוקס פון חסיד'ישע אידן אין מאנטרעאל.

עטליכע עסקנים צוזאמען מיט "קאהא", האבן זיך ארויסגעשטעלט קעגן די רדיפות, צו פארטיידיגן דעם קאנטראווערסיאלן עירוב אין געריכט, ווייל א דורכפאל וואלט געמיינט אויסטערלישע צרות פאר חסיד'ישע אידן, און דער זיג האט בס"ד געברענגט געוואלדיגע הצלחה פון לעגאלן שטאנדפונקט, א סך מער ווי דער עירוב זעלבסט. דער באקאנטער תומך תורה לבית קלויזנבורג און פון די ענערגישע עסקנים לטובת דעם עירוב, הרבני הנגיד מו"ה מיכל ראזנבערג הי"ו, האט מנדב געווען די אסטראנאמישע הוצאות צו דעקן די לעגאלע קאסטן פון פארטיידיגן דעם עירוב, אין באטרעף פון צוואנציג טויזנט דאלאר.

שפאצירנדיג אויף די צענטראלע חסיד'ישע גאסן אין מאנטרעאל, אינדערוואכן אדער אום שבת קודש, דערמאנט זיך פון דער "אלטער היים" אין איר פולער פראכט. די סצענעס דערוועקן אייראפע פון אמאל

ווידעראמאל האט זיך ארויסגעשטעלט דעם "גם זו לטובה", ווען איר געריכטליכער קאמף קעגן עירוב איז אנגעקומען ביז צום העכסטן געריכט אין קוויבעק פראווינץ, וואס האט געאורטיילט לטובת דעם עירוב מיט אזא שטארקן לעגאלן באזיס, אז עס האט אויפגעשאקלט די גאנצע לעגאלע דעבאטע פון רעגירונג אינטערוועניץ לטובת חסיד'ישע אידן, אזש ביז אמעריקע, וואו דאָס פעדעראלע אפעלאט געריכט האט גענוצט דעם מאנטרעאלן אורטייל צו באשטעטיגן די אויסגעהאלטנקייט פונ'ם עירוב אין טענעפליי, ניו דזשערזי.

אין טענעפליי, ווי באקאנט, האבן די לאקאלע אינסטאנצן פארפירט אז די עירוב דראטן פארלעצן די אמעריקאנער

**עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער "גם זו לטובה", ווען דער גאַוריקטליכער קאַמף קעגן עירוב איז אָנגעקומען צום העכסטן גערוכט, וואָס האָט געאורטיילט לטובה, און עס האָט אויפגעשאָקלט די לעגאַלע דעבאַטע פון רעגירונג אינטערוועניץ לטובת חרד'ישע אידן אַזש ביז אַמעריקע, וואו דאָס געריכט האָט גענוצט דעם אַרגומענט לטובת דער טענעפליי עירוב-פרשה**

קאנסטיטוציע'ס אפטיילונג צווישן שטאט און רעליגיע. די ארטיגע קהילה האט אבער גע'טענה'ט, אז די זעלבע קאנסטיטוציע פארבאט די רעגירונג צו דיסקרימינירן קעגן רעליגיע, און פארבאטן שומרי תורה ומצוות אויפצושטעלן אַן עירוב פאר זייערע רעליגיעזע געברויכן איז די זעלבע פארלעצונג פון דער קאנסטיטוציע ווי דירעקטע רעליגיעזע שטיצע. דאָס פעדעראלע אפעלאט געריכט האט געאורטיילט לטובת דעם עירוב, און דאָס סופרים קאורט אין וואשינגטאן האט אנטזאגט צו הערן דעם אפעלאט פון די טענעפליי מוניציפאלע באאמטע, וואס מיינט אז דער עירוב בלייבט אין טריאומפאלן זיג פאר'ן חרד'ישן אידנטום אין אמעריקע.

ביים עירוב אין מאנטרעאל, האט די גוי'ע פארפירט אז די דראטן פארלעצן די לאקאלע געזעצן, אבער דער ענדגילטיגער געריכט אורטייל האט אפגעווארפן די קלאגע, זאגנדיג, אז די רעגירונג דארף זיך צושטעלן מיט "פארשטענדליכע צושטעלונג" (ריזענאבל אקאמאדעישאן), און דערפאר קענען די עירוב דראטן בלייבן אין פלאץ אומגעשטערט. דער אורטייל פון פעדעראלן אפעלאט געריכט ביים טענעפליי עירוב האט דערמאנט דעם דאזיגן שטעלונג פון "ריזאנעבל אקאמאדעישאן" וואס די רעגירונג דארף צושטעלן פאר אלע איינוואוינער. אין קורצן: דארט ווי דערלויבן רעליגיעזע פרייהייט איז נישט קיין גרויסע פראבלעם, נישט קיין דירעקטער שטער פאר קיינעם, קען עס די רעגירונג נישט פארבאטן.

ורוח הקודש אומרת, כן ירבה וכן יפרוץ.

## עסקנות לשם שמים

דער כוח פון חרד'ישן ציבור אין מאנטרעאל ווערט, ווי דערמאנט, אנגעפירט דורך "קאהא", וואס איז ווירקליך א מוסטער ווי אזוי חסיד'ישע קרייזן קענען פארמירן א געמיינזאמע אויטאריטיווע שטימע צו קלאפן אויף די טויערן פון די העכסטע רעגירונג אינסטאנצן.

די קראפט פון "קאהא" איז אזוי שטארק ב"ה, אז די ציונ'יסטישע "פעדערעישאן" אין קאנאדא שפירט זיך באדראעט דערפון. אמאל האבן זיי נאך פרובירט צו לייגן שטיינער אין וועג, אבער זיי האבן גיך אנערקענט דעם טיפן כוח פון די חרד'ישע עסקנים, און היינט צו טאג איז ב"ה סטאביל; יעדער דעקט דעם אייגענעם קרייז, ווי מ'זאגט.

"געלערנט די מסכת האבן מיר פון ר' ליפא פרידמאן זכרונו לברכה," זאגט ר' יושע ווערצבערגער, ביי א געשמאקן שמועס פון אנדערטהאלבן שעה, דערמאנענדיג דעם לעגענדארן מנהל פון סאטמאר אין ניו יארק, וועלכער האט במשך קרוב צו דרייסיג יאר געפירט די גרויסע שיף אין שטורמישע וואסערן, שטייענדיג צו דער רעכטער האנט פון מרן רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע, בעל "ויואל משה", אויפצובויען דאס יהדות החרדית אין אמעריקע.

צווישן די אויסטערלישע כוחות וואס ר' ליפא האט אריינגעלייגט ביים אויפבויען דאָס חרד'ישע אידנטום אין אמעריקע, זענען געווען זיינע אומצאליגע השתדלות'ן ביי רעגירונג אינסטאנצן, פון לאקאלע באאמטע אין ברוקלין ביז די העכסטראנגיגע ביוראען אין וואשינגטאן. ווען עס האט אויסגעפעלט, איז ר' ליפא – דער פלאם-פייערדיגער סאטמארער עסקן, מיט דער גאנצער חסיד'ישער טראגע – אנגעקומען צו די מאכטפולסטע רעגירונג פירער, טראצדעם וואס ציונ'יסטישע און אנדערע עלעמענטן האבן געלייגט שווערע שטיינער אין וועג; טראצדעם וואס חסיד'ישע עסקנים זענען נישט אזוי "טרענירט אין רעגירונג אפעראציעס" ווי די אזויגערופענע "פראפעשאנעלס", און טראצדעם וואס חסיד'ישע עסקנים קענען קוים ענגליש פון איין שעה נאכמיטאג אין חדר (באגלייט מיט א שווערן, אונגארישן, אדער ריין חסיד'ישן אקצענט). ווען עסקנים קומען מיט הארץ, מיט דברים היוצאים מן הלב, קענען זיי בס"ד דורכפירן די שווערסטע אונטערנעמונגען מיט אויסטערלישער הצלחה.

דאס שטעלט א מוסטער פון א חרד'ישן שתדלן, און דורכאויס די אַכט יאר זינט "קאהא" איז געגרינדעט געווארן, שטעלט זיך ארויס די הצלחה פון אזא דורך-און-דורך חרד'ישן עסקן און שתדלן ווי ר' יושע ווערצבערגער הי"ו, פון די דיאמאנטן שטיינער אין מאנטרעאל'ס "סאטמאר".

במשך די יארן, גראדע, איז שטארק ארויסגעקומען די פראבלעם פון די ציונ'יסטישע עלעמענטן אין אלע אידישע געגנטער. זיי האבן אומעטום עטאבלירט א לאקאלע "פעדערעישאן" אדער ענליכע אגענטורן. זיי שטעלן זיך אהער אלס ווארטזאגער און אפיטרופסים פון אלע אידן, און די רעגירונג באאמטע ווייסן נישט עפעס אנדערש. זיי זענען די אזויגערופענע אפיציעלע "דזשואיש קאמיוניטי לידערס".

ווען "קאהא" האט אנגעהויבן שטעלן ערנסטע טריט אין רעגירונג קרייזן, האט ר' יושע און די אנדערע עסקנים אנגעהויבן הערן פון אלע זייטן דעם זעלבן פזמון: "אנטשולדיגט, מיר האנדלען נאר מיט דער פעדערעישאן..." די רעגירונג פירער האבן "געוואוסט" אז אידישע אנגעלעגנהייטן ווערן באהאנדלט בלויז דורך איין אדרעס, די פעדערעישאן סיסטעם.

די עסקנים האבן גענומען די אויסטערלישע מי, צייט און ענערגיע, אויפצובויען ביי די רעגירונג אינסטאנצן א נייע פלאטפארמע – די אנערקענונג אז די ציונ'יסטישע און פרייע ארגאניזאציעס זענען נישט די ווארטזאגער פאר חסיד'ישע אידן, נאר דער חרד'ישער ציבור איז בס"ד גענוג באהאוונט אליינס צו ערלעדיגן די אייגענע געברויכן. עס האט געדויערט א סך צייט, און גענומען א סך פלאג און מי, אבער מען איז אנגעקומען מיט הצלחה. אין קאנאדער רעגירונג סיסטעם, פון אוטראמאנט ביז דער הויפטשטאט פון גאנץ קאנאדא, אָטאַוואַ, ווייסט יעדער איינער, אז "די חסיד'ישע קאמיוניטי" פארמאגט זייערע אייגענע עסקנים און ווארטזאגער, און יעדע אנגעלעגנהייט וואס אנבאלאנגט דעם




**הרה"ח ר' יושע ווערצבערגער הי"ו, בעת שתדלנות מיסיעס לטובת דעם קאנאדישן אידנטום.**
**אויפ'ן רעכטן בילד: אין פרעזידענטליכן פאלאץ אין הויפטשטאט אטאווא, מיט זשאן קרעטיען, פרעמיער פון קאנאדא, לינקס, און מארטין קאזשער, פרעמיער פון קוויבעק פראווינץ, רעכטס**
**אויפן לינקן בילד: ביי א ביזנעס קאנפערענץ מיט דעפיוטי מיניסטער פון אינטערנאציאנאלן האנדל, אנדרעי הארווי, אין שתדלנות געשפרעכן לטובת דעם קאנאדישן אידנטום**

חרד'ישן ציבור ווערט אדרעסירט דורך "קאהא".

היינט צו טאג איז ר' יושע נישט קיין פרעמדער אין אטאווא, וואו די מאנטרעאלער פארשטייער אנערקענען די געבריוכן פון חרד'ישן ציבור אפילו אין די העכסטראנגיגע אמטן. אוטראמאנט'ס פארשטייער אין קוויבעק'ס פראווינץ פארלאמענט, איז דער פראווינציעלער פינאנץ מיניסטער. דער קוויבעקער יוסטיץ מיניסטער, מארק בעלמאר, איז גאר נאנט מיט חרד'ישע עסקנים. קאנאדא'ס "אטוירני דזשענעראל", מארטין קאושען, איז אויך "מיניסטער אין טשאורדזש פון קוויבעק" (יעדע פראווינץ האט א מיניסטער אין פעדעראלן פארלאמענט אין אטאווא) און איינער פון די בעסטע פריינד וואס דער חרד'ישער ציבור פארמאגט אין די קאנאדער רעגירונג קרייזן.

"קאהא" האט איינפלוס צו קלאפן אויף אלע טויערן אין קאנאדא, אבער מען נוצט נישט דעם איינפלוס אבי ווען, נאר אין גאר ערנסטע אומשטענדן. "דער כוח איז צו טייער אויסצוגעבן ווען ס'איז נישט דרינגנד וויכטיג," באטאנט ר' יושע. [נאך א מוסטער פון געניטע עסקנות מיט פארשטאנד: נישט 'אביוזען' די סיסטעם.]

פונקט ווי נמרוד, עשיו און לבן, וועלן עדות זאגן אויף די אבות הקדושים ווען משיח וועט קומען בקרוב, ווי די גמרא זאָגט אין עבודה זרה, איז איצט די בעסטע עדות אויף "קאהא" די ציונ'יסטישע צייטונג אין קאנאדא.

א שרייבער פון "קענעדיען דזשואיש ניוס", האט נישט לאנג צוריק באשריבן א לאנגען ארטיקל אויף דער רעגירונג

## ר' יושע ווערצבערגער:

## "ווען עס האט אויסגעפעלט, איז ר' ליפא פריעדמאַן אנגעקומען צו די מאכטפולסטע רעגירונג-פירער, טראצדעם וואס ציונ'יסטישע און אנדערע עלעמענטן האבן געלייגט שווערע שטיינער אין וועג; טראצדעם וואס חסיד'ישע עסקנים זענען נישט אזוי "טרענירט אין רעגירונג אפעראציעס" ווי די אזויגערופענע "פראפעשאנעלס", און טראצדעם וואס חסיד'ישע עסקנים קענען קוים ענגליש פון איין שעה נאכמיטאג אין חדר"

ווירטשאפט אין קאנאדא. צווישן אנדערן שרייבט ער, אז "חרד'ישע אידן דרייען זיך אין אטאווא מיט אזויפיל איינפלוס, אז זיי קענען נאך שטעלן די פעדערעישאן אין שאטן."

די פעדערעישאן איז אבער נישט בייז. דער פרעזידענט פון דער פעדערעישאן סיסטעם, האט נישט לאנג צוריק געהאט א לאנגע פריינדליכע קאנפערענץ מיט "קאהא", וואו עס איז געשלאסן געווארן א פרידליכער אפמאך, אז "קאהא" וועט פולקאם דעקן דעם חרד'ישן ציבור, און די פעדערעישאן וועט זיך אפגעבן מיט דער אלגעמיינער אידישער בעפעלקערונג אין מאנטרעאל, וואס ציילט נאנט צו הונדערט טויזנט אידן. אבער ר' יושע איז נאך נישט צופרידן. אויסער די שתדלנות פון "קאהא", ווערט צוגעשטעלט סאשעל סערוויס, ארבעט פארמיטלונג, ביזנעס לאונס, אימיגראציע שריפטן, און וואס נישט.

א הויפט סיבה פארוואס דער חרד'ישער ציבור אין מאנטרעאל האט אזא גרויסן כוח, איז נישט קיין גרויסע איבערראשונג: באטייליגונג ביי די וואלן. כמעט יעדער איינציגער חרד'ישער איד אין מאנטרעאל, מיט לעגאלער בירגערשאפט, גייט ארויס שטימען.

ביי דער ענדע פונ'ם רייכן שמועס, פרעגט "דער פלאַם", וואס איז איצט די העכסטע פריאריטעט ביי "קאהא"? און איר גרינדער און פרעזידענט טראכט נישט קיין איבעריגע סעקונדע: "די הונדערטער פרישע חסיד'ישע יונגעלייט וועלכע האבן דא חתונה געהאט במשך די לעצטע צען יאר, זאלן ווערן קאנאדער בירגער," זאגט ר' יושע. "זיי זאלן אויך קענען גיין שטימען."

א מוסטער פאר'ן חרד'ישן אידנטום אין אמעריקע. ורוח הקודש אומרת, כן ירבה וכן יפרוץ!